ה. [לכללות שיחה זו ראה לקו"ש חי"ז ע' 22 ואילך]

ס'איז דאך רגיל מאכן א סיום אויף א מסכתא, און ס'איז דאך אויכעט יעדער ענין איז דאך בהשגחה פרטית, וואס דאס איז פארבונדן מיט כ' באב.

וואס צום אלעם ערשטן הויבט מען דאך אן זוכן אויף יעדער ענין אפשר איז דא



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 4/5 הודפס ע"י אוצר החכמה

דער ענין פון כ' באב פארבונדן מיט א ענין בתורה - איז דאס דא אין מס' תענית (ווי מ'האט שוין גערעדט אמאל בארוכה), וואס ער זאגט אין מס' תענית קרוב לסופו אז בעשרים בו (צוואנציק טעג אין אב) איז דעמולט איז געווען דער קרבן העצים פון בני פחת בן יהודה.

וואס איז געווען דער קרבן העצים - איז רש"י מפרש, אז דער סדר איז דאך אז ס'דארף דאך זיין די עצים על המערכה, ווי ער זאגט אין חומש, און ס'איז אויכעט פארשטאנדיק בפשטות אז כדי צו פארברענען דעם קרבן דארף מען דאך האבן עצים, און דאס גייט דאך אריין אין סדר "אביי הוה מסדר סדר המערכה" איז דאך דאס א ענין מן התורה אז ס'דארף זיין דער סידור עצים על המערכה, איז כשעלו מבבל איז דעמולט איז געווען א זמן אז ס'איז ניט געווען קיין עצים, האבן זיך מתנדב געווען אט די תשעה משפחות וואס ער רעכנט זיי אויס במשנה וואס יעדער האט געבראכט עצים און מ'האט זיי גענוצט במקדש אויף מקריב זיין די קרבנות, און בשעת ס'איז "כלו" - ס'האט זיך אויסגעלאזט די עצים פון דער משפחה האט דעמולט געבראכט די צווייטע משפחה, און אזוי איז געווען די תשעה משפחות, במילא האט מען געקענט מקריב זיין די קרבנות און אנפירן מיט די ענינים שבבית המקדש.

און דערפאר איז די נביאים שביניהם האבן דערנאך קובע געווען אז אפילו אז אין די לשכת העצים שבמקדש וועט זיין עצים, איז בשעת ס'וועט קומען אט דער טאג ווען זיי האבן מתנדב געווען די עצים בשנה כשעלו מבבל, זאל מען נוצן דוקא זייערע עצים על המערכה ועל המזבח.

און אט דאס איז געווען ווי ער זאגט אין נחמי' "והגורלות הפלנו על קרבן העצים" אז דאס ווערט אנגערופן בשם קרבן, אז מ'האט געבראכט א קרבן, במילא איז דאס געווען ביי זיי א יום טוב, און אזא מין יום טוב ביז וואנעט ווי ער זאגט דערנאך אין משנה און אין ברייתא וגמרא אז דאס איז דוחה ביז אפילו דעם תענית פון תשעה באב.

וואס בשעת ס'איז געווען תשעה באב און ס'איז געווען דער קרבן העצים פון דער משפחה, איז אט דעמולט התענו ולא השלימו; קען מען דאך מיינען עכ"פ עפעס א ענין של תענית איז געווען - זאגט די גמרא אז כל תענית שאין משלימין אותו אינו תענית איז וואס איז געווען "התענו ולא השלימו - לצעורי בעלמא".

וכמדובר כמה פעמים אז וויבאלד אז ס'איז דוחה דעם תענית איז א סימן אז דאס איז מתקן דעם ענין פאר וועלכער דער תענית איז געקומען, ווארום א ניט איז ניטא קיינע ענינים שבאקראי: וויבאלד אז ס'דארף זיין דער תענית וואס חרב ביהמ"ק, דערנאך זאגט תורה אז מ'דארף מתענה זיין, און דערנאך זאגט תורה אז דער כהן וואס האט מנדב געווען עצים דארף ניט מתענה זיין ביום התשעה באב מערניט ווי לצעורי בעלמא - איז דאס גופא איז א הוכחה אז ביי עם איז דער ענין פון היפך החורבן.

וכמבואר בכמה מקומות, ועכ"פ דאס איז דאך ניט א ענין וועלכער מ'קאכט זיך אין נגלה.

און דאס איז געווען בעשרים במנחם אב, איז אויך געווען וואס דעמולט האט זיך ביי איר אנגעהויבן דער ענין פון קרבן העצים - די משפחה בני פחת בן יהודה.

וואס איז געווען אט די "עצים" - ברייננגט דאך רש"י און דער רמב"ם אויכעט טייטשט אזוי אפ אז דאס איז געווען כדי ס'זאל זיין די עצים על המערכה, מ'זאל קענען מקריב זיין אנאנדער קרבן, אזוי טייטשט אפ רש"י על אתר אין דער משנה, און אזוי טייטשט אפ דער רמב"ם בספר יד החזקה שלו.

עפ"ז ווערט דאך די שאלה:



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 476 הודפס ע"י אוצר החכמה

ער זאגט דאך "הגורלות הפלנו על קרבן העצים", וואו איז דא דער ענין הקרבן ? זאגט די גמרא אין מנחות אז אין דערויף איז דא א פלוגתא פון רבי מיט די חכמים, רבי זאגט אז קרבן העצים אז די עצים אליין זיינען א קרבן, ס'איז דא אין עצים צוויי ענינים: א) איין עצים איז למערכה כדי ס'זאל זיין א פייער אויף וועלכן מ'וועט מקריב זיין אנאנדער קרבן, ב) דערנאך איז דא א מציאות אז עצים אליין איז ער מקדיש צו מקריב זיין א קרבן פון עצים, וואס דעמולט זאגט רבי אז מ'דארף זיך מיט עם נוהג זיין ווי אלע דינים פון קרבן, עד כדי כך אז פונקט אזוי ווי אויף אלע קרבנות דארף מען האבן עצים אויף וועלכע מ'זאל מקריב זיין דעם קרבן, אט אזוי אויכעט אט די עצים וואס ער האט מנדב געווען אלס א קרבן דארפן זיי האבן עצים באזונדער וואס מ'זאל זיי אנצינדן, און די עצים [קרבן העצים] וועט מען ארויפלייגן אויבן מקריב זיין אלס א קרבן, און דערפאר דארף מען האבן קמיצה און מלח מיט אלע פרטים.

די רבנן זאגן אז ס'ווערט טאקע אנגערופן קרבן העצים, אבער איננו צריך לא מלח ולא קמיצה וכו'.

און אין דערויף איז דא צוויי פירושים: א) ב' די רבנן זאגן אז זיי זיינען פונקט ווי שאר העצים וואס דאס איז עצים למערכה, אדער ב) זיי זאגן אז דאס איז א קרבן אבער קיין קמיצה און מלח ועצים דארף דאס ניט האבן ווארום מ'געפינט דאך עד"ז אזוינע קרבנות, ס'איז דא מ'גלייכט דאס צו מנחה און ס'איז דא א מנחה וואס ס'דארף ניט האבן קיין קמיצה ועד"ז קטורת איז דא א דיעה אז ס'דארף ניט האבן קיין מלח וכו' וכו'.

וואס דער ראב"ד טייטשט טאקע אפ אין פירושו אויף ספרי אז "עצים" מיינט דאס אז מ'האט מקריב געווען לדעת רבי מיט קמיצה און מלח ועצים, לרבנן האט מען דאס אויכעט מקריב געווען על המזבח, אבער דאס איז ניט א קרבן מיט אלע זייגע פרטים, וואס דערפאר זאגן די רבנן אז ס'איז קרבן העצים: אז קרבן ווערט דאס אנגערופן, אבער ס'איז קרבן העצים ניט קרבן סתם וואס דעמולט וואלט דאס געדארפט האבן אי קמיצה אי מלח.

דער רמב"ם זאגט א דריטע דיעה און אזוי פסק'נט ער להלכה, אז עצים איז דא מערניט ווי למערכה, וואס דערפאר פסק'נט ער אויכעט אז איינשטאט די עצים קען ער געבן דמים דערפאר וואס ס'איז ניטא ביי זיי קיין קדושת הגוף כמבואר בארוכה אין מפרשי הרמב"ם.

אט דא ווערט אבער גלייך א שאלה:

די גמרא זאגט בפשטות אז דער קרבן העצים האבן געבראכט תשעה משפחות, וואס דער פירוש הפשוט פון דעם לשון איז, אז דאס האט געבראכט א משפחה אלס משפחה, און אויכעט ווי דער לשון המשנה "יו"ט שלנו" ניט "שלי" נאר "יו"ט שלנו" פון דער גאנצער משפחה; און דער דין איז ביי מנחה (און ווי ער זאגט אין ספרא אויכעט ביי עצים) אז מ'ברייגגט דאס ניט בשותפות "מה מנחה אין מקריבין בשותפות אף עצים אין מקריבין בשותפות", ביי "והגורלות הפלנו על קרבן העצים" שטייט דאך "הפלנו" לשון רבים און די משנה או גמרא זאגן דער לשון "משפחות" וואס לכאורה איז דאס היפך דעת הספרא [שאין מביאין בשותפות] ?

וואס דער פאר איז דא אזוינע וואס ווילן מחלק זיין:

פון וואנעט לערנט מען אפ אז עצים ברייגגט מען ניט בשותפות צי פון דעם פסוק פון מנחה אדער פון פסוק "האזרח" ווי שוין געבראכט אין אחרונים,

דער תירוץ איז אבער ניט אויסגעהאלטן:



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 477 הודפס ע"י אוצר החכמה

"והגורלות הפלנו על קרבן העצים" איז דאס א פסוק, און דער פסוק דארף זיין אויסגעהאלטן לכל הדיעות, דארף ער זיין אויך אויסגעהאלטן לויט אט דער דיעה וואס זי האלט אז מ'לערנט אפ עצים פון מנחה וואס דעמולט איז עצים אין מקריבין בשותפות, און אעפ"כ שטייט דער פסוק והגורלות הפלנו על קרבן העצים ?

אויך איז ניט פארשטאנדיק:

מ'קען ניט זאגן, לכאורה, ווי דער ראב"ד זאגט אין גבורת ארי וכמה מפרשים אז וואס איז דער ענין פון עצים וואס די משנה ברענגט, אז מ'האט זיי אליין מקריב געווען אויפן מזבח - ווארום אין דערויף איז דאך ניטא קיין הכרח: אט דאס וואס מ'מוז האבן עצים על המערכה איז דאס א ענין הכרחי ! מ'דארף יעדער טאג מקריב זיין דער תמיד ועד"ז שאר הקרבנות, ווי אזוי קען מען מקריב זיין דעם תמיד - דארף דאך זיין אש תמיד תוקד על המזבח, דארף מען צו דעם האבן עצים, אז מ'זאל מקריב זיין עצים אלס קרבן אין דערויף איז ניטא קיין הכרח, און אויב ס'איז ניטא קיין עצים - טוט מען דאס ניט !

במילא איז עפ"ז איז מובן און דערמיט ווערט פארענטפערט כמה ענינים און אויכעט נאך א פרט:

וויבאלד אז מ'זאגט "והגורלות הפלנו על קרבן העצים" פון וואנעט ווייסט מען וואס פאר א קרבן ס'איז געווען ?

וואס דערפאר איז רש"י מפרש בפשטות

[און אזוי איז אויכעט דרכו בפירושו אין ש"ס, וכידוע די כללי רש"י על הש"ס אז רש"י איז א פרשן ניט קיין פסקן דערפאר וואס ענינו איז פשוטו של ש"ס ע"ד ווי דער פשוטו של מקרא, נאר וואדען דא איז דאס דער לימוד אין אן אופן פון הלכה און מדרש משא"כ אין חומש איז דער לימוד מערניט ווי אין דרך הפשט, אבער אין הלכה און מדרש דארף דאס אויכעט זיין אין פשוטם של ענינים]

אז וויבאלד אז ס'שטייט "קרבן העצים" סתם, איז אויב ס'וואלט געווען א קרבן ניט פון די עצים אליין וואלט דאך געדארפט שטיין אין וואס דער קרבן באשטייט ?

אבער דער רמב"ם ברענגט אראפ אז דער קרבן איז געווען עולת נדבה, זאגט דער גבורת ארי פון וואנעט ווייסט מען דאס ? ווארום ס'שטייט סתם קרבן העצים, צו די עצים האט מען געדארפט מקריב זיין א קרבן ווארום מצד דערויף וואס מ'ברענגט עצים וואס מ'זאל אנצינדן צו דער מערכה איז דאס קיין יו"ט ניט; א יו"ט וואס ער איז אסור בתענית ובהספד איז דאס ווען ער איז מקריב א קרבן שני גזרי עצים שעל המערכה איז דאס ניט א ענין פון א קרבן, דאס איז מכשירי קרבן, מכשירי קרבן איז ניט אסור בתעניה ובהספד.

אט דאס וואס די ט' משפחות זיינען געווען אסורין בתענית ובהספד ביז אפילו אז דאס האט דוחה געווען תשעה באב מוז מען זאגן אז דאס איז געווען ניט מכשירי קרבן נאר א קרבן - זאגט דער רמב"ם אז די עצים זיינען געווען על המערכה. און דעם קרבן האט מען מקריב געווען עולת נדבה.

דער גבורת ארי כאמור זאגט אז מ'ווייסט ניט וואס פאר א קרבן ס'איז געווען, מ'ווייס אז ס'איז געווען נדבה ווארום קיין חיוב איז ניטא, אבער נדבה איז שייך ביי עולה און ביי שלמים ביי מנחה און ביי כמה קרבנות וכו'.

וואס דערפאר לערנט רש"י "קרבן העצים" - קרבן סתם.

און דערמיט ווערט אויכעט פארשטאנדיק, רש"י ברענגט דאס דא אין די גמרא



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 478 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

און ברייגגט דאס אין דער משנה און דערנאך פאר דערויף, איז אין דער משנה [ביצה כו,א] בשעת רש"י ברייגגט אראפ דער ענין פון עצים ברייגגט ער סתם אז ס'איז ניט געווען קיין עצים אין דער לשכה וואלט מען ניט געהאט קיין אש תמיד תוקד על המזבח האט מען געבראכט די עצים,

אוצר החכמה

בשעת ער ברייגגט אראפ פארדעם [ביצה יב,א], וואס דארטן ווערט דער ענין געבראכט דרך אגב גאר אנטקעגן מתענין ולא משלימין בנוגע צו תשעה באב, ברייגגט רש"י אראפ אז מ'האט געבראכט די עצים "והקריבו קרבן", און ווי ער ברייגגט אראפ אויכעט די גמרא פון מנחות אז "הגורלות הפלנו על קרבן העצים" און ברייגגט אראפ דעם סיום אז דערפאר דארפן זיי האבן קמיצה און מלח וכו'.

וואס לכאורה איז ממנ"פ: אויב אין עיקר המקום וואו ס'ווערט געבראכט [ענין קרבן העצים] ברייגגט רש"י ניט די פרטים, פארוואס ברייגגט דאס רש"י אראפ וואו ס'רעדט זיך בנוגע תשעה באב וואס א) דאס רעדט זיך פארדעם, און ב) דארט איז בנוגע מערניט ווי דער ענין פון "מתענין ולא משלימין" ?

אויכעט איז דא כמדובר כמ"פ, אז וויבאלד אז מ'זעט אז דאס איז פלוגתא פון רבי ורבנן גאר אין מנחות, און דערנאך האט דאס א שייכות צו די משנה אין תענית בנוגע וואס פאר א קרבן מ'האט געבראכט צוזאמען מיט די עצים (צי פון די עצים אליין צי פאר קרבן בפ"ע ווי דער רמב"ם זאגט עולת נדבה אדער אפשר א נדבה ממין אחר), איז קרוב לומר אז דא איז דא א ענין פון "לשיטתי'", ווארום רבי גייט לשיטתו בכמה מקומות בש"ס דערפאר זאגט ער אז קרבן העצים איז דא די עצים אליין זיינען א קרבן, משא"כ לרבנן סיי לפירוש הראב"ד איז דאס א קרבן מערניט ווי במקצת (אז מ'איז עם מקריב על גבי המזבח ס'דארף אבער ניט האבן קיין מלח וקמיצה), עאכו"כ לדעת הרמב"ם אז די עצים האט מען געבראכט מערניט ווי למערכה אבער ניט למזבח דערפאר וואס דער קרבן איז געווען אן עולת נדבה ניט די עצים עצמם.

וואס איז דער טעם הדברים וואס רבי זאגט אז "הגורלות הפלנו על קרבן העצים" איז דערפאר איז צריכי קמיצה ומלח ועצים און די רבנן זאגן אויף ניט אזוי ?

וואס איז דער חילוק בפשטות ?

דער חילוק בזה איז: צי מ'טייטשט אפ דעם ווארט בפשטות און בכל הפרטים שלו אז וויבאלד אז ס'שטייט דער לשון קרבן העצים מיינט דאס קרבן מיט אלע פרטים וואס ס'איז דא אין קרבן ווי ער איז, די רבנן זאגן אז אויב מצד איין פרט, מצד איין ענין, האט ער אויף זיך א דוגמא פון א קרבן קען מען שוין עס אנרופן קרבן העצים - ווערן די עצים אנגערופן קרבן העצים.

במילא לויטן רמב"ם נאך, האט דאס אין זיך די שייכות צו א קרבן, וואס די עצים האט מען געבראכט צוזאמען מיט אן עולת נדבה (די עצים פון די ט' משפחות), עאכו"כ לדעת הראב"ד האבן אין זיך אט די עצים א חילוק אז מ'האט פון זיי מקריב געווען על המזבח אע"פ וואס זיי זיינען ניט קיין קרבן לכל הפרטים (ווי תוס' ברייגגט דארט אראפ, ניט אזוי ווי דם וואס האט אלע פרטים פון א קרבן און ס'האט מערניט ווי דער פרט וואס קרב על גבי המזבח ס'האט אבער ניט אט די פרטים וואס ער האט קמיצה און מלח).

וואס אט דאס געפינט מען די שיטה פון רבי ורבנן בכמה מקומות אין ש"ס, אז בשעת ס'שטייט א ענין אין תורה און אפילו אין דברי בני אדם זאגט רבי אז כל זמן ס'איז ניטא קיין הוכחה בנגד זה דארף מען דאס לערנען אז דאס מיינט מען דער ענין ווי ער איז בכל פרטיו און די רבנן זאגן ניין! אויב ער האט אין איין פרט און אין צוויי פרטים פון דעם ענין - קען מען דאס אויכעט שוין אזוי אנרופן, בדוגמא ווי זייער פלוגתא איז בנוגע צו קרבן העצים, ווי די גמרא זאגט אין מנחות.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 479 הודפס ע"י אוצר החכמה

כמדובר כמ"פ, אט דאס גופא וואס מ'ברײנגט אז דאס איז לשיטתו, און אעפ"כ דארף מען לאזן הערן די פלוגתא פון רבי ורבנן (אדער ר"ע ורבי ישמעאל ווי גערעדט פריער ועד"ז בשאר לשיטתי') - דארף מען האבן "וצריכא" אז ווען ס'וואלט געשטאנען מערניט ווי איין ארט וואלט מען ניט געוואוסט בבירור אויף א צווייטן ארט ווארום ס'איז דא א ענין וואס מ'קען מאכן א חילוק, ס'האט אבער אויכעט א ענין וואס דאס איז צד השוה.

ועד"ז איז אויכעט אין די דוגמות פון פלוגתת רבי ורבנן וואס מ'געפינט בכמה מקומות איז באך דא טעמים נוספים אויף זייער פלוגתא, ס'איז אבער אויכעט דא די נקודה משותפת דער צד השוה כמדובר לעיל, אז לשיטת רבי אז ס'שטייט דער לשון קרבן העצים דארף דאס זיין מיט אלע פרטים א חוץ אויב ס'וועט זיין א הוכחה היפך זה, לדעת רבנן איז גענוג אז ס'האט איין פרט בדוגמא לקרבן, [לשיטת הראב"ד אז מ'איז דאס מקריב על המזבח בפני עצמו, אדער אפילו לשיטת הרמב"ם אז דאס איז אזא מין עצים וואס דאס איז מכריח אז דער זעלבער וואס ברײנגט די עצים מוז ברײנגען אן עולת נדבה, ד.ה. אז מ'נעמט עצים פון לשכת המערכה, ניט נאר ווען דער צבור ברײנגט דעם עולה נאר אויך ווען מ'איז מקריב א קרבן יחיד נעמט מען אויכעט פון די עצים, כמבואר בש"ס און בכ"מ, משא"כ אט די עצים וואס ס'האבן מנדב געווען די ט' משפחות האט יעדערער פון זיי געבראכט (לדעת הרמב"ם) א באזונדערע עולת נדבה וואס דערפאר קען דאס אנגערופן ווערן קרבן העצים].

עפ"ז פאלט אויכעט אפ די קושיא, דלכאורה מ'ווייסט דאך אז עצים קומען ניט בשותפות -

אט דאס איז לויט דער דיעה אז עצים זײנען א קרבן טארן זיי טאקע ניט קומען בשותפות, אבער לויט די דעת רבנן אז קרבן העצים (לויט שיטת הרמב"ם) איז דער טײטש פארוואס רופט מען דאס אן קרבן העצים דערפאר וואס מיט זיי צוזאמען ברײנגט מען א קרבן, אבער ניט זיי אלײן, און יענער קרבן ברײנגט ער טאקע עולת נדבה, עולת נדבה קען קומען בשותפות אויכעט.

עד"ז בכללות ווערט אויכעט פארענטפערט אט דאס וואס גערעדט פריער, אז ס'איז דאך ניטא קײן הכרח לדעת הראב"ד אדער לדעת רבי וכו' און לדעת הריטב"א (וואס ער טײטשט אויכעט אזוי) אז פון די עצים אלײן האט מען מקריב געווען א קרבן, איז לכאורה וואו איז דא דער הכרח -

איז ניט דער פשט אז זיי לערנען אז מ'האט מערניט ווי געבראכט [עצים] אויף מקריב זיין א קרבן, דאס איז טאקע ניט קײן הכרח; נאר ווי רש"י ברײנגט אראפ און ווי פשטות הש"ס אז ס'איז ניט געווען קײן עצים אין לשכת המערכה און ווי ער ברײנגט דערנאך די סיפורים אז די משפחות האבן זיך גערופען על שם זה [כי התנדבו עצים] און ס'איז געווען בדוגמת זה נאך אין בית ראשון אויכעט, אבער פון די עצים שנתנדבו איז אחוץ דערזיף וואס מ'האט זיי גענוצט עצים למערכה איז אויכעט א טײל פון זיי האט מען מקריב געווען אלס א קרבן.

במילא אט דאס וואס ס'איז געווען ט' משפחות בשותפוה דאס איז געווען אין די עצים למערכה וואס זיי ווערן ניט אנגערופן קרבן העצים - נאר עצים סתם, אבער מיט די עצים איז אויך געווען עצים וואס זיי זײנען געגאנגען אלס קרבן, ס'איז געווען דער זעלבער גורל אויף די ביידע זאכן צוזאמען, ווי דער לשון פון ריטב"א אז פון די עצים שנתנדבו האבן זיי מקריב געווען דער קרבן, איז דער גורל געווען על קרבן העצים די עצים ווי זיי זײנען א קרבן אבער דערנאך אז מ'האט מקריב געווען איז די עצים למערכה האט געגעבן די גאנצע משפחה, דערנאך איז געווען די עצים וואס מ'האט מקריב געווען אלס קרבן האט דאס טאקע געגעבן יעדער יחיד בפני עצמו.

וואס עפ"ז קומט אויס אז ס'איז דא דריי ענינים אין די עצים: א) פריער איז געווען די עצים אײדער די משפחה האבן זיי געבראכט אין דער לשכה; ב) און דערנאך



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 480 הודפס ע"י אוצר החכמה

אז מ'האט דאס געבראכט אין דער לשכה [והיו מכשירי קרבן, ואח"כ] ג) איז געווען לויט שיטת הריטב"א און אויכעט ווי מ'קען מפרש זיין אין רש"י [שמהעצים עצמן הקריבו קרבן].

וואס דערפאר זאגט רש"י סתם אז "הקריבו קרבן", און זאגט ניט אז ס'איז געווען אן עולה וכו' ווארום דעמולט וועט ווערן די שאלה מנא הני מילי - נאר רש"י האלט אז פון די עצים גופא האט מען מקריב געווען א קרבן דארף ער דאס ניט מוסיף זיין.

דערמיט איז אויכעט פארשטאנדיק אז וואו איז רש"י מוכרח זאגן אז מ'האט מקריב געווען א קרבן - אט דארט וואו ס'רעדט זיך וועגן דוחה זיין תשעה באב ווארום אויף דוחה זיין אז ס'זאל ניט זיין קיין הספד ותענית צי סתם אין א טאג אויף דערויף איז גענוג מכשירי קרבן אליין, אבער אויף דוחה זיין תענית פון תשעה באב וואס הוכפל בו הצרות איז דאס איז רש"י מוכרח צו זאגן אז דא איז צוגעקומען נאך א ענין מערער ווי מכשירי קרבן אליין;

מכשירי קרבן מיט אן עולת נדבה קען דוחה זיין סתם א תענית, סתם א ענין של הספד ותענית, וויבאלד אבער אז מ'ברענגט אז מ'האט דוחה געווען אויכעט דער ענין פון א תענית שהוכפלו בו הצרות - אט דא ברענגט רש"י און איז ממתיק אז פארוואס איז דאס דוחה א תענית שהוכפלו בו הצרות דערפאר וואס "הקריבו קרבן" סתם, ד.ה. פון די עצים אליין.

און דערפאר איז רש"י אויכעט מסיים אז דאס איז בעיקר פארשטאנדיק לדעת רבי אז דאס איז געווען א קרבן לכל פרטיו אז דאס האט געהאט אין זיך קמיצה און מלח וכו', וואס דוקא דארטן ברענגט רש"י אראפ אט דעם סיום.

ועד"ז געפינט מען שיטת רבי אין די אלע סדרים,

אז אין סדר זרעים אין מס' ברכות איז דא בנוגע צו קריאת שמע, צי קריאת שמע קען מען זאגן בכל לשון אדער מערניט ווי בלשון הקודש, זאגט רבי אז ק"ש איז ככתבה, דערפאר וואס ס'שטייט "והיו בהווייתן יהיו", די רבנן זאגן אז בכל לשון.

וואס איז דא די נקודה המשותפת ? רבי'ס שיטה איז אז ס'שטייט אין תורה איז דאס ככתבה. אז ס'שטייט קרבן העצים איז דאס ככתבו, א קרבן איז ווי א קרבן איז, במילא קומט אויכעט ארויס אין קריאת שמע אז מען קען דאס זאגן ווי ס'שטייט אין תורה הדברים האלה ווי זיי זיינען "והיו הדברים האלה" בהווייתן - זאגט רבי אז ס'דארף זיין ככתבם כלשונם ווי דאס איז בלשון הקודש; משא"כ די רבנן ע"ד ווי זיי קריגן אפ און זאגן דא אז קרבן העצים איז גענוג איין פרט אזוי איז גענוג אין ק"ש אז ס'זאל זיין דער תוכן אבער ניט ככתבם אויכעט מיטן לשון.

עד"ז איז דא א פלוגתא אין סדר מועד בנוגע צו סוכה:

וואס די רבנן האלטן אז א סוכה איז גענוג שבע טפחים על שבע טפחים רבי זאגט אז כל סוכה שאין בה ד"א על ד"א איז דאס ניט קיין סוכה.

וואס איז די הסברה בדבר ? ביי סוכות שטייט תשבו שבעת ימים, איז לשיטת רבי וויבאלד אז א ווארט שטייט אין תורה איז דאס ככתבו במילא אז ס'שטייט תשבו איז דאס תשבו כעין תדורו, איז לויט די רבנן איז גענוג כעין תדורו אז מ'ברענגט אהינצו ארײַן די כלים מיט די ספרים און איז דארט אוכל ושותה וישן ומטייל וכו', רבי זאגט ככתבו - קרבן העצים מיט אלע פרטים תשבו כעין תדורו מיט אלע פרטים, דער דין ביי א בית איז אז וואס ווערט אנגערופן א דירה, אויב ס'איז דא ד"א על ד"א.

עד"ז איז דא אפילו די פלוגתא [בסדר נשים] בנוגע צו לשון בני אדם, האומר

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 481 הודפס ע"י אוצר החכמה

על מנת: אז איינער גיט אויס א תנאי און דאס איז פארבונדן מיט זמן, זאגט רבי כל האומר על מנת איז כאומר מעכשיו דמי, וויבאלד ער זאגט א תנאי און ער זאגט עם היינט איז דערפון פארשטאנדיק אז אויב דער תנאי איז מקויים האט ער דאס געזאגט כבתבו מיט די אלע פרטים אפילו אין לשון בני אדם, במילא קומט אויס לויט רבי וואס ער זאגט ק"ש ככתבו און קרבן העצים בכל הפרטים איז האומר על מנת און ער זאגט דאס היינט איז דאס כאומר מעכשיו דמי.

עד"ז איז דאס אויכעט דא בנוגע קדשים [בסדר קדשים] "הזיד במעילה", אויכעט א פלוגתא פון רבי מיט די רבנן, אז רבי זאגט אז הזיד במעילה איז חייב במיתה, די רבנן זאגן באזהרה.

איז די גמ' מפרש אז דער דין פון מזיד ביי מעילה לערנט מען אפ חטא חטא מתרומה, וואס ביי תרומה איז דא ניט נאר אזהרה נאר מיתה אויכעט, זאגן די רבנן אז מ'לערנט טאקע אפ חטא חטא מעילה פון תרומה איז גענוג אז מ'וועט אפלערנען אויף איין פרט מצד א טעם שבדבר, און ס'איז גענוג אזהרה,

רבי זאגט ניין! ס'איז דברים ככתבם, אז מ'לערנט אפ מעילה פון תרומה איז דאס בכל הפרטים: פונקט אזוי ווי ביי קרבן העצים דארף מען האבן קמיצה און מלח וכו'דארף מען האבן ביי מעילה סיי אזהרה און דערנאך אויב ער האט עובר געווען איז דער ענין מיתה,

עד"ז אויכעט ביי קרבן העצים, וואס דאס איז א לשיטתו בכל הש"ס.

און ווי נהוג ביי כמה הלכות וואס מ'געפינט עד"ז די נקודה וואס לויט רבי איז דאס בכל הפרטים משא"כ לויט די רבנן.

ביז וואנעט ווי מ'באקומט דאס [בסדר קדשים] אין א ענין שבמקדש גופא:

ס'איז דאך דא דער ענין פון עשית המנורה, וואס אין עשית המנורה שטייט אז ס'דארף זיין מנורת זהב, דערנאך זאגט די גמרא אז מ'מוז מרבה זיין נאך א ענין, ניט נאר זהב נאר שאר ענינים אויכעט; נאר - וואדען מ'קען דאס אפלערנען אויף צוויי אופנים: צי כלל ופרט צי מעוטי ורבויי,

זאגן די רבנן אז אפילו מ'האט דאס געמאכט פון א מתכת און אפילו אז מ'האט דאס געמאכט פון עץ אדער פון וואס מ'זאל דאס ניט מאכן, וויבאלד אז ריבוי ומיעוטי ריבה הכל ולא מיעט מערניט ווי איין און איינציקן פרט, ד.ה. אז דעמולט איז דאס בדוגמא צו מנורת זהב מערניט ווי אין איין און איינציקן פרט.

רבי זאגט ניין ! אז וויבאלד אין תורה (אין חומש) שטייט מנורת זהב איז דאס וואס מ'איז מוכרח צו מרבה זיין און מוסיף זיין איז מען מוסיף, אבער דאס וואס ס'איז ניט דא קיין הכרח איז דאס דברים ככתבם, עכ"פ אין דער פרט וואס זהב איז מתכת; וואס דערפאר זאגט רבי אז א מנורה איז טאקע מותר פון כסף, ס'מוז אבער זיין פון מתכת, און עשאה של עץ איז דאס פסולה.

ועד"ז בכמה מקומות.

וואס דאס איז בכללות אט די דריי ענינים וואס ס'איז דא אין עצים [וכדלקמן], און אויכעט עפ"ז איז מובן פארוואס רש"י ברייגגט דאס אראפ די אריכות הדיבור פון קרבן אט דארט וואו ס'רעדט זיך וועגן די דחי' פון תשעה באה [ע"ד ווי ער זאגט אין ירושלמי אז דאס וואס מ'זעט אז ס'איז דוחה אפילו תשעה באב באוויזט דאס אז דאס איז ניט נאר מכשירי קרבן נאר דאס איז קרבן עצמו, ווי ער זאגט אין ירושלמי אין תענית בסיום המסכתא].

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 482 הודפס ע"י אוצר החכמה

מ'געפינט עפ"ז ווי כאמור לעיל אין עצים די דריי ענינים: א) ווי די עצים איידער מ'ברייגנגט זיי, ב) דערנאך איז דא ווי בני פחת בן יהודה האבן געבראכט די עצים, ג) און אין דערויף איז דא די צוויי דיעות ווי געדעדט פריער, אדער ווי די עצים זיינען געווען למערכה, ווי די עצים זיינען געגאנגען למזבח (לדעת הראב"ד אויך) לויט די רבנן אן קמיצה און לדעת רבי מיט קמיצה, מיט די אלע פרטים.

עד"ז געפינט מען ביי בני פחת בן יהודה אט דאס וואס מ'קען דאס אויכעט מקשר זיין ע"ד הדרוש מיטן סיום מסכתא:

וואס די מסכתא ענדיקט זיך מיט דעם ענין וואס ס'איז געווען בחמשה עשר באב, אז לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב און כיוה"כ וואס דעמולט איז בנות ישראל יוצאות וחולות בכרמים, און ער איז מסיים אין די גמרא אז ס'איז געווען דריי משפחות, נאות ויפות שבהן אומרות אז אין אשה אלא ליופי ווי די גמרא זאגט אין כתובות איז במילא זאל דער בחור שא נא עיניך ליופי, מיוחסות שבהן אומרות וואס דאס איז לויט דער דיעה וואס אין אשה אלא לבנים און מכוערות שבהן אומרות קחו מקחתכם לשם שמים ובלבד שתעטרוני בזהובים ווי מ'האט שוין גערעדט אמאל בארוכה די פרטים שבדבר.

וואס אויכעט במאמר המוסגר: אט דאס וואס ער זאגט דא מכוערות שבהן אומרות איז דאס ניט ח"ו א ענין של כיעור ממש נאר דאס איז ע"ד ווי ער זאגט אין חומש "וירא ה' כי שנואה לאה ויפתח את רחמה" פרעגט מען דאך אויף דערויף פון אחרונים די שאלה: אויב ס'איז געווען שנואה לאה איז אויב אזוי ח"ו ראובן און כל בני לאה זיינען געווען בני שנואה, וואס אויף דערויף (דער ענין פון בני שנואה) איז א גאנצער טומל דא אין מס' תענית, ביז ווי דאס ווערט אראפגעבראכט אויכעט אין שו"ע איז ווי איז דאס שייכות זאגן אויף ראובן וואס ער איז געווען "ראשית אוני" ?

פארענטפערט מען אין פשטות אז "וירא ה' כי שנואה לאה" בערך פון רחל; אזוי ווי ויאהב את רחל מלאה איז דאך דאס גופא מוכיח אז ס'איז געווען אן אהבה ביי לאה אויכעט, נאר ס'קומט אבער ניט צו אהבת רחל, בערך פון אהבת רחל איז דאס א ענין של שנואה.

אויך ע"ד וואס ער זאגט בפשטות בנוגע צו ירושה אז ס'וועט זיין שתי נשים האחת אהובה והאחת שנואה, איז דא איז דאך ניט נוגע וואס זי איז א שנואה צי ניט, דא איז נוגע אז זי איז ווייניקער אהוב ווי דער אהובה במילא וויל ער ניט געבן אע"פ וואס זי איז ניט שנואה, אויב נאר זי איז ווייניקער אהובה איז בטבע בני אדם אז דער בן האהובה זאל באקומען מערער - זאגט דער פסוק ניין ! לא יוכל לבכר את בן האהובה על פני בן השנואה הבכור אבער מ'מיינט נישט שנואה ממש, נאר ס'איז בערך האהובה.

עד"ז אז מ'זאגט דא מכוערה איז דאס ניט ח"ו כפשוטו נאר דאס איז דער פשט אז בערך היפות והמיוחסות איז דאס א ענין וואס זיי האבן ניט אט די מעלות, ס'איז אבער ניט ח"ו מכוערות. [ע"כ מאמר המוסגר]

וואס איז דער ענין ע"ד הדרש אין די דריי ענינים -

א) די משפחה וואס יפות איז די מעלה אין דער אשה אליין;

ב) אז מ'זאגט מיוחסות שבהם אומרים תנו עיניכם במשפחה ווי רש"י טייטשט אפ אז ס'איז נוגע צו קינדער, איז דאס ניט די מעלה מצד איר אליין - די מעלה פון איר אז דערפאר ווערט דער קינד א מיוחס;

ג) דערנאך איז דא מכוערות שבהם האבן געזאגט תנו קחו מקחכם לשם שמים, דאס איז ניט די מעלה אין איר אליין, ניט די מעלה וואס זי ווערט מכשירי קרבן, מכשיר לבנים, נאר דאס איז א ענין וואס כל מעשיך לשם שמים עאכו"כ א ענין פון א שידוך,



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 483 הודפס ע"י אוצר החכמה

אט די זעלבע דריי חילוקים איז דא אין עצים:

א) אין עצים איז דא ווי די עצים געפינען זיך ביער, וואס דעמולט איז דאס ניט שייכות אין זיי דער ענין פון מכשירי קרבן, עאכו"כ אז זיי זיינען נאך ניט קיין קרבן, ס'איז מערניט "קחו מקחכם לשם שמים" וועט דערנאך דערפון קענען צוקומען אלע גוטע זאכן. ב) דערנאך איז דא ווי די עצים ווערן דורך זיי א ענין של קרבן בדוגמא ווי דורך די מיוחסת ווערט דער זון מיוחס איז דאס א מעלה צו א שידוך ווי רש"י ברייננגט אראפ וכו'. ג) דערנאך איז דא דער העכסטער אופן דער "יפות שבהם אומרות" די מעלות איז אין איר אליין גופא בדוגמא ווי ביי עצים אז זיי אליין ווערן א קרבן ביז וואנעט אז עצים אליין צריכים עצים.

עד"ז זאגט מען אז ביי עשרים באב ברייננגען בני פחת בן יהודה וואס דאס איז דער לשון המשנה; דערנאך זאגט ער אין גמרא אז אין בני פחת בן יהודה איז דא צוויי טייטשן: איין טייטש איז אז דאס איז בני דוד בן רות, דערנאך איז דא די צווייטע דיעה אז דאס איז בני יואב בן צרוי' וואס זיי קומען אויכעט ארויס פון רות המואבי'.

וואס איז דער חילוק אין די דריי ענינים ?

א) בשעת מ'זאגט פחת יהודה, "פחת" בפשטות, איז דער טייטשט א שר בעלמא, אזוי איז דער לשון, און ס'ווערט געבראכט אין עזרא און נחמי' כמה פעמים און אויכעט אין מגילת אסתר (האחשדרפנים והפחות) וואס דארטן איז דער טייטש א שר בעלמא. ב) דערנאך איז דא ווי דאס איז בני דוד וואס דוד איז שוין געווען א מלך בישראל; ג) דערנאך איז דא יואב בן צרוי' וואס ער איז געווען דער שר הצבא ("ויואב על הצבא") ער איז געווען דער ראש כל השרים על הצבא.

זאגט די גמרא אז דאס וואס יואב על הצבא - אט דאס וואס ער האט מנצח געווען בצבא איז דאס דערפאר וואס דוד יושב ועוסק בתורה, במילא וואס האט מען דערפון ארויס - אז ס'האנדלט זיך וועגן א מלחמה איז די מלחמה בפועל ווער פירט דאס איז דאס יואב בן צרוי', ווער איז דער מכשיר למלחמה זו - אט דאס וואס דוד איז יושב ועוסק בתורה איז ער מכשיר אז יואב זאל מנצח זיין די מלחמה.

ווי אזוי איז דאס געקומען בידע זאכן ? איז דאס מצד דערויף וואס פריער איז געווען רות המואבי' (ווי רש"י ברייננגט אראפ) און זי האט זיך מגייר געווען וואס ס'איז געווארן פון א היפך פון אידן איז געווארן א גר, ביז וואנעט שריבתה להקב"ה בתהלות ותשבחות ביי דוד.

במילא איז דאס בדוגמא ווי אין די דריי דרגות:

פריער איז דא די עצים ווי זיי געפינען זיך אין א יער - רות המואבי', דערנאך איז דא ווי די עצים ווערן מכשירי קרבן, און א קרבן איז דאס א ענין של מלחמה: מ'נעמט א בהמה מ'פארברענט איר, מ'נעמט א מנחה און מ'פארברענט איר, ביז וואנעט אז מ'זאגט קרבני לחמי לאשי טייטשט דאך אפ דער מדרש "לחמי" פון לשון מלחמה.

עאכו"כ כמבואר בספרי מוסר און אין ספרי חסידות אז דער ענין פון א קרבן איז אז ער האט א מלחמה מיט זיין חטא ועוון און ער האט א מלחמה מיט זיין בהמה און מאכט דערפון א ריח ניחוח לה' נח"ר לפני שאמרתי ונעשה רצוני.

וואס דערצו דארף מען האבן מכשירי קרבן, די מכשירי קרבן מאכט מען פון א ענין של רשוה ביז מ'מאכט דאס פון א יער.

וואס דערפאר אז ס'רעדט זיך וועגן קרבן העצים פון האדם עץ השדה אז מען זאל מאכן דערפון א קרבן העצים - איז אין דערויף איז דא דריי שלבים - דרגות:

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 484 הודפס ע"י אוצר החכמה

א) פריער איז דא ווי די עצים געפינען זיך ביער - "עיר פרא אדם יולד" שטייט אין ספרים אז "עיר" איז דאס לשון יער; ב) דערנאך איז דא ווי מ'נעמט ארויס (ווי רש"י זאגט) "כורת עצים מן היער" מ'מאכט דערפון מכשירי קרבן ער גרייט זיך ווי אזוי צו פירן די מלחמה, פון וואנעט ווייסט ער דאס - ע"י לימוד התורה ווייסט ער דעם לימוד וואס לימוד מביא לידי מעשה בדוגמא ווי דוד יושב ועוסק בתורה, נאך דערויף זוי ס'איז דא דער ענין כללי פון "פחת", דערנאך "פחת יהודה", ג) דערנאך איז דא ווי ס'קומט די תכלית הכוונה אז מ'שיקט ארויס יואב'ן און ער נעמט איין ארץ ישראל און מאכט דארטן אז דארט זאל זיין ארץ אשר גו' תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה, בדוגמא פון דער קרבן וואס א קרבן מאכט שאמרתי ונעשה רצוני.

וואס דאס איז אויכעט דערנאך דער המשך און דער סיום: אז בכללות, איז דא ג' משפחות, און דער סדר איז מלמעלה למטה וואס דאס איז דאך ווי די נשמה יורדת מלמעלה למטה (ניט ווי עבודת הבירורים אין וועלט דארף מען אויפהויבן פון דער בירא עמיקתא צוריק צו די איגרא רמה) -

זאגט מען אז תנו רבנן אז ס'איז דא די ג' משפחות: א) ווי די אידן זיינען מצד עצמם זיינען זיי אליין דער תכלית - יפות; ב) דערנאך איז דא ווי זיי קומען אראפ נאך נידעריקער [מיוחסות] אז דאס איז מערניט ווי מכשירי קרבן, "תנו עיניכם במשפחה" ווערט דעמולט געבארן א בן המיוחס; ג) און דערנאך איז דא מכוערות שבהם אומרות אז מ'געפינט זיך אין א בירא עמיקתא אין א גוף וואס ווערט אנגערופן משכא דחויא, ביז "מכוערות" כפשוטם אין דרגא הכי תחתונה, און אט דאס זאגט מען קחו מקחכם לשם שמים, אז ער איז ניט שייכות צו קיינע מעלות אבער "לשם שמים" - אט דאס קען זיך דורך עם דורכפירן,

און דערנאך איז ער ממשיך [וואס דאס איז אויכעט דער קשר הענינים אז נאך דערויף וואס די גמרא ברייננגט די ג' ענינים, זאגט די גמרא]: אז לע"ל מאכט מען א מחול לצדיקים, איז הי' צדיקים זיינען במחול און הקב"ה געפינט זיך באמצע און כאו"א מראה באצבעו ואומר הנה אלקינו זה קוינו לו ויושיענו.

פרעגט מען וואס איז דא די שייכות צו די פריערדיקע ? איז מען מסביר אז אזוי ווי די משנה זאגט אז בחמשה עשר באב און ביוה"כ איז בנות ישראל יוצאות וחולות בכרמים איז דאך דאס א ענין של מחול, איז דערפאר דערנאך ברייננגט ער אויך אראפ אין גמרא אז לע"ל וועט זיין דער אמת'ער מחול אז עושין מחול לצדיקים וכאו"א מורה באצבעו.

וואס איז אבער דער קשר מיט די ג' משפחות וואס ער רעכנט פאר דעם, און וואס דאס שטייט בסמיכות ממש ?

[והביאור] אט דא איז ווי די ג' משפחות זיינען ג' משפחות כל אחת בפ"ע, און קרבן איז באזונדער און מכשירי קרבן איז באזונדער און דערנאך איז דא ווי די עצים געפינען זיך אין יער איז דאס אויך א ענין פון באזונדער,

במה דברים אמורים אז אט דעמולט איז דא די אלע דרגות, די דרגא א צווייטע דרגא די דריטע דרגא - ווען דאס איז ניט ווי דאס איז לע"ל.

דער תכלית השלימות אין עבודה איז אבער, אז ס'זאל זיין ברכנו אבינו כולנו כאחד

און אט דאס זאגט ער אז הקב"ה עושה מחול, וואס "מחול" שטייט דאך אין מפרשים כפשוטו אז מחול איז דאס ווי א רעדל, וואס אין א רעדל איז ניטא קיין ראש וסוף; וואס אזוי איז דאך דא ווי די גמרא זאגט אין ב"ב אז ביי צדיקים איז כל אחד ואחד איז נכוה מכופתו של חבירו איז דאס אבער ניט ווי מ'שטעלט (און מ'מאכט פון) זיי אין א רעדל, אז מ'שטעלט זיי ארייין אין א מחול קען קיינער ניט זאגן אז ער איז



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 485 הודפס ע"י אוצר החכמה

דער ערשטער און דער איז דער לעצטער ווארום אלע זיינען אין בו ראש וסוף דאס איז א מחול לצדיקים, און ערשט דעמולט קען זיין כל אחד ואחד מורה באצבעו, ווארום באר דורך דערויף וואס ס'איז כולנו כאחד קען מען נעמען דעם אויבערשטן ביז אין אן אופן פון צוויי פעמים זה כמבואר בארוכה בכמה מקומות.

וואס דאס איז אויכעט ע"ד הדרוש, נוסף אויף דעם ענין ווי געדערט פריער:

וואס ער זאגט אז בעשרים בו (וואס דאס איז עשרים במנחם אב) האט מען מקריב געווען דער קרבן העצים אע"פ וואס דא איז געווען ט' משפחות - ס'איז אבער געווען אין דערויף די שני ענינים: דער ענין וואס ס'איז געווען עצים למערכה און ס'איז געווען באזונדער גזירין למזבח, וואס דאס איז לויט איין גירסא אין ירושלמי; משא"כ דער רמב"ם איז אזיל לשיטתו און זאגט עצים גזירין למערכה ניט ווי די גירסא אין ירושלמי גזירין למזבח ועצים למערכה צוויי באזונדערע זאכן, ווארום דער רמב"ם גייט לשיטתו אז מען האט ניט מקריב געווען קיין קרבן פון די עצים אליין, משא"כ להראב"ד ועאכו"כ לפירוש הריטב"א אז פון די עצים אליין האט מען מקריב געווען א קרבן וואס דאס איז מתאים לפשוטו של מקרא וואס ער זאגט והגורלות הפלנו על קרבן העצים, אז די עצים אליין זיינען געווען קרבן; עאכו"כ אז דאס איז אזוי לדעת רבי וואס ער גייט לשיטתו אז ק"ש איז ככתבה, ועד"ז מנורת זהב ככתבו ועד"ז כל האומר על מנת איז כאומר מעכשיו דמי ועד"ז בנוגע מעילה אז מ'לערנט דאס אפ ווערט האס כל הפרטים אזוי ווי תרומה און נאך אין כמה מקומות בש"ס.

וואס דעמולט ברייננגט דאס אראפ די ענינים כפשוטם, ביז אין תכלית השלימות ווי דער לשון הגמרא אין פסחים, אז לע"ל כמו שהוא נכתב איז כך הוא נקרא ה' אחד ושמו אחד, אז דארט וועט ניט זיין חילוקים, עד"ז וועט ניט זיין קיין חילוקים צווישן צדיקים ווי נכוה מחופתו נאר דא רעדט זיך דער ענין וואס עושה מחול לצדיקים, וואס דאס וועט זיין בקרוב ממש בביאת משיח, וואס דעמולט שטייט שוין אז כולם ידעו אותי [אע"פ וואס ער זאגט דערנאך למקטנם ועד גדולם, איז דאך דא דער ענין פון כל אחד נכוה מחופתו של חבירו אז דער ווערט אנגערופן קטנם און דער ווערט אנגערופן גדולם, אעפ"כ זאגט מען אבער אז ס'איז דא אין עיקר אין דעם "ידעו אותי" איז דאס כולם ידעו אותי], וואס דערפאר איז אין דעם ענין לא ילמדו איש את רעהו ווארום מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים.

וואס דעמולט אז אלע ענינים פון תענית וועלן זיין יהפכו לששון ולשמחה, ואדרבה - ס'וועט זיין די שמחה גדולה ביותר ווארום ס'נעמט זיך פון והפכתי אבלם לשון דער ענין פון היפך - אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקו, וואס דאס איז דאך דער ענין פון שבעה דנחמתא בכלל, ביז מ'קומט ארויין אין הכתרת הקב"ה לאחרי הסיום פון שבעה דנחמתא ה' אחד ושמו אחד

וואס דאס איז אויכעט פארבונדן מיט גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו ובקרוב ממש.

* * *